פורים תש"ם לפ"ק

# הזהרו מן הצבועין!

עם דרייען זיך ארום צווישן אונז באהאלטענע מיסיאנערן, חסידי "אביגדור פון פינסק", וואס גייען אנגעטוען מיט שטריימל בעקישע און ווייסע זאקן, און פארסאמען אונזער היימישן חסידישן עולם מיט פרעמד'ע השקפות און פסקים, קעגן דעם שו"ע הרב פון הייליגן "תניא", און קעגן דעם הייליגן חת"ם סופר, זי"ע.

ווי בעקאנט, האט דער פינסקער ר"ב "אביגדור" ברוטאליש פארטריבן דעם הייליגן "קדושת לוי" פון רבנות פינסק-קארלין (קיין באַרדיטשוב). אין שנת תקס"א איז דער אביגדור געשטאנען בראש המלשינות, אליין געחתמ'ט בשבועה דעם כתב "מסירה" קעגן דעם הייליגער תניא (כלשונו: "זלמן בן ברוך ראש כת הקארלינים שנתחבר ע"י ישראל בעלשנטי ובער ממעזריטש..."), אז ער איז א "מורד במלכות".

נכנס יין יצא סוד, איז דער היינט דער פאסיגער זמן אויסצוזאגן דעם סוד פאר אונזערן חסידישן ציבור, אז הרב חיים ביק'ס ז"ל פאטער, ה"ה הרב מיכל ביק ז"ל, איז גאר געווען א גרויסער "מתנגד", ער איז אויפגענומען געווארן אלץ רב אין דער "אשכנזישע קלויז" אין מעזיבעז, וואס האבן לוחם געווען קעגן דעם מעזיבוז'ער רבי'ן הרה"ק רבי ישראל שלום יוסף העשיל זצוק"ל (דער ברודער פון הרה"ק רבי יצחק מאיר פון קאפיטשניץ זצוק"ל, און דער שווער פון אדמו"ר מוהרמ"ש פון בראן נ.י. זצוק"ל, און אדמו"ר מוהרמש"י מסאדיגורא-פשעמישל זצוק"ל). דער "אשכנזישער קלויז" אין מעזיבעז איז באשטאנען פון היבשע "משכילים" וואס האבן גערודפ'ט די אלטע חסידישע קהילה אין מעזיבוז. (זעה עדות ססל"ת אין בוך "שטעט און שטעטלעך אין אוקראינע" פון מ. אשעראוויטש, ניו יארק 1948, ח"א עמודים 47-59).

זעלבסט פארשטעדליך, אז אויך די אלע בעקאנטע הוראות פון זיין איניקל ר' משה ביק ז"ל, וואס שטאמען פון ישיבת ר' יצחק אלחנן אלץ געוועזענער תלמיד מוסמך פון ר' משה סאלאווייטשיק (דער פאטער פון הרב J.B. ראש רבני המזרחי אין אמעריקא), זענען לגמרי פרעמד פאר אונז חרדי'שער און חסידי'שער בארא פארק איינוואוינער.

אונזערע "חסידישע אביגדור'ס מסיאנערן" האלטן אין איין פרעדיגן דעם מהר"ם ביק'ס "ספק חילול שבת דאורייתא" (דערמאר צרייסן זיינע איניקלעך דעם עירוב אין שב"ק, מכשיל צו זיין טויזנטער בארא פארק'ער איינוואוינער מיט "ודאי" חילול שבת).

ווייסט איר, פון וואנעט שטאמט זייער "ספק דאורייתא"? "ספק חילול שבת"?

אט זייער "ספק" שטאמט פון איינער פון די גאר גרויסע גדולים פון ליטא, וואס איז געווען א "מתנגד". אין איינע פון זיינע ספרים רופט ער אהן אונזערע הייליגע אבות החסידים "כת הידוע". די היינטיגע חסידישע אביגדור'יסטען האבן אנגעפסקנט, אז ער איז גאר גערעכט, און נישט דער רשכבה"ג הגה"ק בעל "בית אפרים" פון בראד.

אונזערע באהלטענע מיסיאנערן, פארהוילן אויך פונעם ציבור דעם פסק פון היילינען תניא, וואס פסק'ענט קלאר אין שו"ע-הרב (סי' שס"ד סעי' ד') בזה"ל: "**צורת הפתח היא כמחיצה גמורה, ואם עשה צוה"פ, רשות היחיד גמורה היא מן התורה, אפי' אם עשה כן באמצע רה"ר גמורה.** (וכן פסק להדיא מרן החת"ם באו"ח סי' פ"ט) **אעפ"כ** מדברי סופרים אין צוה"פ מועלת לרה"ר גמורה **אם נשלמו בה** <u>כל</u> **תנאי רה"ר** שנתבאר בסי' שמ"ה" עכ"ל שוע"ה. און כידוע האבן מיר דא <u>נישט</u> "כל" תנאי רה"ר.

די דאזיגע צדוקים, האלטן אין איין מפרסם זיין "ספיקות" אז אונזער טלטול איז א "**ספק דאורייתא**" של חילול שבת ר"ל. און צי'ט וואס זייערע ספיקות זענען לכל היותר בגדר "ספק-ספק-ספק-ספיקא-דרבנן", כידוע לכל הת"ח האמתיים און די אמת'ער בעלי הוראה המובהקים בשכונתינו, וואס דערויף האט שוין געפסק'ענט הרב המובהק פון פריערדיגן דור ("הוראתו בקדושה" בהסכמת הגה"ק מוהר"ש ענגיל זצ"ל) בס' "קנה וקנמון" ד"**מי שרוצה להחמיר בזה חשיב אינו מאמין בדברי חכמים ויש בו חשש מינות**".

אמת, די ליטווישע קרייזן, זענען נישט משועבד צום פסק פון שו"ע הרב, ווייל דער משנה ברורה פאסקענט ווי דער משכנות יעקב. אבער אז אונזערע חסידישע קרייזן זאלן מבטל ומבזה זיין פסקי רבותינו הקדושים, ביז גאר מעודד זיין קריעת העירוב (ומדשתיק ש"מ דניחא להו), דערויף דארפן מיר אלע <u>רייסן קריעה</u>. ווייל לדידן האנדעלט זיך דא איבערהויפט נישט פון קיין "ספק" חילול שבת, נאר פון "ודאי" "**מינות ואפיקורסות**", כדין כל המערער על פסקי ומנהגי רבותינו. זיי זענען די "צדוקים" שבימינו שאינם מודים בעירוב. ומסתמא איז דאס דער "סוד הטולטול" פון הרב הקדוש בעל "בני יששכר" זי"ע (כדי להוציא מלבם), ווייל דער דאזיגער "ספק" איז נתעורר געווארן בימיו.

אונזערע ניי-געקרוינטע רבני העיר, טובי' שפיטץ (וואס מיר וועלן מוזן אויפרעקן זיין גגוואלדיגן יחוס ביז צו די ראשי ה"משכילים", אויב ער וועט נישט אויפהערן זיינע עמלק'ישע שטיק אינטערצוגרובען די אויטאריטעט פון אונזערע "בעלי ההוראה המובהקים דשכונתינו), צוזמען מיט דעם צעדרייטען יהושע העשיל יונגרייז (דער טאלשווער פון 39 סטריט), מיט זייער נשיא נפתלי שפיגל דער פארטרעטער פון די מעזיבעז'ער-מתנגד'ישע-קלויז-סאסייעטי, מיט די רעבעצין'ס וואס שרייען ארויס פון זייערע פענסטערס "חילול שבת". וויסען זאלט איר אלע, אז דער חסידישער בארא פארק וועט נישט טאלערירן אייער השחתה. ספעציעל די "עמלקים" וואס האבן געהאט צו טוען מיט די גרויזאמע-אומפארשעמטע-אנטיסעמיטישע אקט פון צורייסן אן עירוב דעם פארגאנגענעם שב"ק, וועלען ביטער בעצאלן דערויף. מיר וואוינען דא נישט אין וויליאמסבורג. בארא פארק איז קיין "שטח הפקר" נישט. דער ברייטער בארא פארק'ער חרדישער און חסידישער ציבור וועט זיי נישט פארשווייגן. זיי וועלן פארשריבן ווערן לזכרון בספר דברי הימים לחרפה ולדראון עולם.

ארורים הרשעים אשר ביקשו לשלוח יד בקדושת השבת. הרימו יד בתורת משה. יד על כס קה. כתוב זאת זכרון בספר. מלחמה לה' בעמלק מדור דור.

**תושבי בארא פארק המוכנים להשיב מלחמה שערה, לעשות בהם משפט כתוב.**